**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/29/2022 **גאווערנער קעטי האָוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פרעצעדענטלאזע 150 מיליאן דאלער אין קאפיטאל פינאנצירונג געלעגנהייטן זיך צו עפענען פאר קונסט און קולטור ארגאניזאציעס**

***אנטהאלט נאך 100 מיליאן דאלער אין נייע פינאנצירונג פאר גרויסע קאפיטאל פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז א רעקארד 150 מיליאן דאלער אין קאפיטאל פינאנצירונג וועט זיין צו באקומען פאר קונסט און קולטור ארגאניזאציעס דורך דעם ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף די קונסטווערק קאפיטאל פראיעקטן פאָנד (New York State Council on the Arts' Capital Projects Fund). דער פאָנד האט צוויי גרענט קאטעגאריעס: קלענערע און מיטל-מעסיגע קאפיטאל פארבעסערונג גרענטס און גרויסע קאפיטאל פארבעסערונג גרענטס. די דאזיגע פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג רעכנט אריין 100 מיליאן דאלער אין נייע, מולטי-יעריגע פינאנצירונג אויף צו גרינגער מאכן גרויס-פארנעמיגע פראיעקטן וועלכע פריאריטיזירן קאמיוניטי אנטוויקלונג און פלאץ-מאכן. עס איז דער סטעיט׳ס גרעסטע פארשפרעכונג פאר NYSCA פאר קאפיטאל פראיעקטן פאר קונסט, נאכפאלגנדיג א פריער רעקארד-שטאפל פינאנצירונג פאר קונסט אין דעם פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט. גאווערנער האוקול וועט ווייטער איבעררעדן איר אנטשלאסנקייט צו שטיצן קונסט ביי דעם קאַרנעגי האל 2022-2023 סעזאן וואס וועט זיך עפענען שפעטער דעם אוונט.

״ניו יארק׳ס קונסט און קולטורעלע ארגאניזאציעס פארשטערקערן אונזער עקאנאמישע וואוילזיין, ערנערן אונזער פילפארביגקייט און אידענטיטעט, און שטיצן אונזערע קאמיוניטיס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די דאזיגע רעקארד סטעיט פיינאנצירונג פאר NYSCA וועט ערמעגליכן פאר א ברייטע ריי ארגאניזאציעס אונטערצונעמען העכסט-נויטיגע פארבעסערונג פראיעקטן, כדי אז זיי זאלן קענען ווייטער צושטעלן פאר ניו יארקער בארייכערנדע קולטורעלע דורכלעבענישן און פירן אויף ווייטער זייער ראלע אלס הויפט עקאנאמישע און קאמיוניטי געוויכט-פונקטן.״

NYSCA׳ס קאפיטאל פראיעקטן פאָנד וועט פאקוסירן אויף שטיצן קולטורעלע אינסטיטוציעס וואס זוכן סטעיט פינאנצירונג פאר אינוועסטירונגען אין קאפיטאל פארבעסערונגען וועלכע ערמעגליכן פאר ארגאניזאציעס אויסצוהאלטן און פארברייטערן קולטורעלע פראגראמען פאר פילפארביגע אודיענצן, שטיצן צוטריטליכקייט און ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט, אפהיטן און שאפן דזשאָבס, און ענדגילטיג ביישטייערן צום וואוקס פון ניו יארק׳ס קונסט און טוריזם סעקטארן.

די צוויי געלעגנהייטן זענען:

- **קלענערע און מיטל-מעסיגע קאפיטאל פארבעסערונג גרענטס פאר קונסט און קולטור:** די געלעגנהייט פינאנצירט פראיעקטן פון יעדן גרויסקייט, מיט גרענטס אויף ביז 2 מיליאן דאלער וועלכע פריאריטיזירן צוטריטליכקייט, קונסטלעריי, קולטורעלע אנטוויקלען, שטאנדהאפטיגקייט,

געזונט און זיכערהייט, און סטרוקטורעלע און היסטארישע פארבעסערונגען. שטארקע פראיעקטן קאמבינירן אויסגעצייכנטע אויסשטעל פלענער מיט אינפארמירטע אנטשיידונגען איבער ארגאניזאציאנעלע קאפאציטעט און קאמיוניטי געברויכן וועלכע וועלן פאזיטיוו אפעקטירן דעם צוקונפט פון קונסט און קולטור ארגאניזאציעס לענגאויס ניו יארק.

- **גרויסע קאפיטאל פארבעסערונג גרענטס פאר קונסט און קולטור:** די דאזיגע מולטי-יעריגע געלעגנהייט וועט שטיצן קונסט און קולטורעלע אינסטאנצן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע נעמען אונטער אימפאקטפולע, גרויס-פארנעמיגע קאפיטאל פארבעסערונגען. גרענטס וועלן אנטהאלטן פון 2 מיליאן דאלער ביז 10 מיליאן דאלער פאר פראיעקטן וועלכע האבן א סך הכל קאסט פון 4 מיליאן דאלער אדער מער. די פינאנצירונג וועט שטיצן אינוועסטירונגען צו ערמעגליכן פאר ארגאניזאציעס צו בליען דורך פארברייטערן קולטורעלע פראגראמירונג, גרייכן נייע און פילפארביגע אודיענצן, און הייבן צוטריטליכקייט. די גרענטס וועלן אויך העלפן פאראויס-פירן דעם סטעיט׳ס צילן ארום פילפארביגקייט, יושר'דיגקייט און אריינגעמיגקייט און וועט פאדערן פון אלע אפליקאנטן זיך צו פארשפרעכן צו סאציעלע יושר'דיגקייט אונטערנעמונגען און צוטריט פלענער וועלכע דינען אלע ניו יארקער.

די אפליקאציע פאָרטעל פאר די געלעגנהייטן וועלן זיך עפענען אום פרייטאג, סעפטעמבער 30, 2022, און מען קען צו זיי צוקומען אויף NYSCA׳ס וועבזייטל, arts.ny.gov. אלע בארעכטיגטע ניו יארק סטעיט נאָנפּראָפיט קונסט און קולטור ארגאניזאציעס ווערן געראטן זיך צו ווענדן פאר NYSCA׳ס קאפיטאל פראיעקטן פאָנד. NYSCA וועט אויך דורכפירן וועבינארן איבער דעם אפליקאציע פראצעס און אויפנעמען מערערע ווירטועלע אפיס סעסיעס פאר אפליקאנטן צו באקומען פערזענליכע הילף בעפאר דעם יאנואר 12,2023, דעדליין.

זינט 2018, האט NYSCA אויסגעטיילט 204 קאפיטאל גרענטס, אין סה״כ פון 50 מיליאן דאלער, לענגאויס אלע 10 סטעיט ראיאנען דורך די שטיצע פון דעם גאווערנער און לעגיסלאטור. די פראיעקטן העכערן באשעפטיגונג קאפאציטעט און פירן אויף פאראויס קולטורעלע צוזאמקונפט ערטער אלס טוריסט דעסטינאציעס, פארשטערקערן ניו יארק׳ס גאסטגעבער, עסן און טרונקען, און ריטעיל סעקטארן.

אין צוגאב צו דעם קאפיטאל פראיעקטן פאָנד, וועט NYSCA אויסטיילן 90 מיליאן דאלער אין נישט-קאפיטאל גרענטס צו קונסט ארגאניזאציעס און קונסטלער. די גרענט באקומער וועלן אויסגעמאלדן ווערן ביים ענדע פון דעם יאר.

**ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף קונסטווערק עקזעקיוטיוו דירעקטארין מארא מאנוס האט געזאגט,** ״ניו יארק׳ס מאכטפולע שאפערישע עקאנאמיע איז א קריטיש-וויכטיגע טרייבער אין אונזער סטעיט׳ס ערהוילונג אלס אן אלוועלטליכן קולטורעלע פירער. מיר זענען אומגעהויער דאנקבאר צו גאווערנער האוקול און דער סטעיט לעגיסלאטור׳ס פרעצעדענטלאזע 150 מיליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2023 קאפיטאל פינאנצירונג פאר NYSCA, אנערקענענדיג די קריטיש-וויכטיגע ראלע וואס די פראיעקטן שפילן אין אונזער עקאנאמיע, אונזערע ארטיגע עקאלאגיעס, און די געזונט פון אלע ניו יארקער.״

**ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף קונסטווערק פארזיצערין קאטערינע ניקאלס האט געזאגט,** ״עס איז אונז א כבוד ביי NYSCA צוצושטעלן די געלעגנהייטן פאר קונסט און קולטורעלע ארגאניזאציעס לענגאויס ניו יארק. קאפיטאל פינאנצירונג איז טראנספארמירנד פאר ארגאניזאציעס און זייערע קאמיוניטיס — די פראיעקטן הייבן באשעפטיגונג ראטעס, שטיצן קולטורעלע ערטער אלס טוריסט דעסטינאציעס, און פארשטערקערן אונזער גאסטגעבער, עסנווארג און ריטעיל סעקטארן. אין נאמען פון NYSCA שטאב מיטגלידער, דעם קאונסיל און אונזער קונסט און קולטור קאמיוניטי, וויל איך אנערקענען גאווערנער האוקול און אונזערע סטעיט לעגיסלאטארן פאר זייער אומוואקלדיגע איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק׳ס קונסט און קולטורעלע ארגאניזאציעס מיט דעם היסטארישן 150 מיליאן דאלערדיגע סה״כ פון

פינאנץ-יאר 2023 קאפיטאל גרענט פינאנצירונג. די אינוועסטירונג וועט פארזיכערן אונזער סעקטאר׳ס צוקונפט און זיכער מאכן אז אונזערע סטעיט קולטורעלע אוצרות וועלן ווייטער שטייגן און בליען.״

**סטעיט סענאטאר האזע סעראנא האט געזאגט,** ״איך האב זייער הנאה אז 150 מיליאן דאלער וועט ווערן צוגעשטעלט צו פארבעסערן און מאכן וואקסן די קולטורעלע צענטערס לענגאויס די געגנטער וועלכע טוען אויסשולן, באהעפטן און אינספירירן אונזערע קאמיוניטיס. האלטן קונסטווערק צוטריטליך און בנימצא פאר אלע ניו יארקער איז קריטיש-וויכטיג צו די אנגייענדע אויפשטייג און געזונטהייט פון אונזער סטעיט.״

**סטעיט סענאטאר ברעד הוילמען האט געזאגט,** ״מיליאנען קומען פון איבער דער גארער וועלט צו באטראכטן די קונסטווערק אין ניו יארק. אונזער וועלט-בארימטע קולטורעלע ארגאניזאציעס זענען א גרויסע עקאנאמישע טרייב-כוח פאר אונזער שטאט און סטעיט, און מיר דארפן אינוועסטירן אין די דאזיגע ארגאניזאציעס אויף צו ווייטער מאכן וואקסן די אינדוסטריע. איך בין שטאלץ צו שטיצן די היסטארישע פינאנצירונג וואס גאווערנער האוקול טוט היינט אויסמעלדן אויף צו העכערן די צוטריטליכקייט און שטאנדהאפטיגקייט פון קונסטווערק, שטיצן זייער וואוקס און אימפאקט, און אינספירירן דורות ניו יארקער אינעם צוקונפט.״

**אסעמבלי-מיטגליד דעניעל א׳דאנעל האט געזאגט,** ״קונסט איז עקסעסט-נייטיג פאר ניו יארק. נישט נאר איז קונסט דער הארץ און נשמה פון יעדער קאמיוניטי אין אונזער סטעיט, נאר זיי זענען אויך עקאנאמישע מאטארן, שאפנדיג דזשאָבס, טרייבן אקטיוויטעטן, און פארבעסערן לעבנס. במשך די לעצטע עטליכע יאר, האבן קונסט און קולטורעלע ארגאניזאציעס נאוויגירט איין שוועריגקייט נאכ׳ן צווייטן, און פילע מוטשען זיך נאך. עס איז צייט פאר א קונסט אויפלעבונג אין ניו יארק סטעיט. איך בין באגייסטערט אז ניו יארק סטעיט טוט בפועל און שטעלט צו שטיצע פאר די קונסטווערק דורך העכערע קאפיטאל פינאנצירונג, פארזיכערנדיג דערמיט אז אונזערע קונסט און קולטורעלע ארגאניזאציעס וועלן זיין אויסגעריכטעט פאר ערפאלג אויף פילע קומענדיגע יארן.״

**אסעמבלי-מיטגליד ריטשערד גאטפריעד האט געזאגט,** ״דער רעקארד סומע פינאנצירונג איז אן אינוועסטירונג אין דער קולטור, דער עקאנאמיע און דעם לעבנסקראפט פון ניו יארק סטעיט. אונזערע קולטורעלע ארגאניזאציעס זענען א הויפט טייל פון אונזער גייסט און כאראקטער. דורך די פרעצעדענטלאזע שטיצע פון גאווערנער האוקול און דער לעגיסלאטור, וועלן מיר העכערן די מעסטבארע בענעפיטן וואס זיי ליפערן לענגאויס אונזערע קאמיוניטיס, אונזערע שטעט און אונזערע סטעיטס.״

**וועגן דעם ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף די אַרטס**

די קאונסיל פאר קונסטווערק היט אויף – און רוקט פאראויס – די קונסטווערק און די קולטור וואס מאכן ניו יארק סטעיט אן אויסערגעווענטליך גוטע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן. דער קאונסיל האלט אויף די רעכטן פון אלע ניו יארקער צו געניסן פון די גאר וויכטיגע ביישטייערונגען וואס קונסט גיבט פאר אונזערע קאמיוניטיס, בילדונג, עקאנאמישע אנטוויקלונג, און לעבנס-קוואליטעט. צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון קונסט לענגאויס ניו יארק סטעיט וועט דער קאונסיל אויף קונסטווערק אויסטיילן רעקארד פינאנצירונג אין פינאנץ-יאר 2023, צושטעלנדיג שטיצע לענגאויס די גאנצע ברייטפארנעמיגקייט פון קונסט, אריינגערעכנט געווידמעטע שטיצע פאר קונסט בילדונג און אונטערפארטרעטענע קאמיוניטיס.

דער קאונסיל פאר קונסטווערק טוט ווייטער פאראויס-פירן ניו יארק׳ס שאפערישע קולטור דורכן צוזאמברענגען פירער אין דעם פעלד און צושטעלן ארגאניזירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן און אזוי אויך אינפארמאציע קוועלער. דער קאונסיל, געשאפן דורך גאווערנאר נעלסאן ראקעפעלער אין 1960 און אנגעהאלטן ווייטער מיט די שטיצע פון גאווערנאר קעטי האוקול און דער ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור,איז אן אגענטור וואס איז א טייל פון דעם עקזעקיוטיוו צווייג. פאר מער

אינפארמאציע איבער NYSCA, ביטע באזוכט http://www.arts.ny.gov, און פאלגט נאך NYSCA׳ס פעיסבוק בלאט, טוויטער NYSCArts@ און אינסטאגראם NYSCouncilontheArts@.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418